בס"ד

# אור מיכאל

מאור תורתו של
הגה"ק ר' מיכאל אליעזר פארשלעגער זצוק"ל



פרשת עקב

גליון 1

## *אור תורתו*



**ויאכילך את המן וגו' למען הודיעך כי לא על הלחם לבדו יחיה האדם כי על כל מוצא פי ה' יחיה האדם (דברים ח, ג).**

דער **אריז"ל** פרעגט וויאזוי קען ברויט וואס איז א גשמיות'דיגע זאך געבן חיות פאר די נשמה וואס איז א שטיק רוחניות? אויב א מענטש וועט נישט עסן פאר אפאר טעג וועט ער שטארבן און די נשמה וועט אויסגיין און אז ער עסט א שטיקעל ברויט וועט ער לעבן. ס'איז דאך נישט מעגלך פאר גשמיות צו געבן חיות פאר רוחניות.

דער **אר"י** ענטפערט אז ווען דער אייבישטער האט באשאפען די וועלט האט ער אריינגעלייגט א רוחניות'דיגער כח וואס געבט פאר יעדער זייך זיין חיות. דער כח אין עסן איז וואס די נשמה באקומט כדי צו לעבן.

און אזוי טייטשט ער די פסוק: **ויאכילך את המן** - וואס איז א רוחניות'דיגע מאכל- **למען הודיעך**-ענק צו לאזן וויסן אויף אלע דורות- **כי לא על הלחם לבדו יחיה האדם**-אז א מענטש לעבט נישט פון די ברויט, נאר- **כי על כל מוצא פי ה' יחיה האדם** - א מענטש לעבט פון דער 'מוצא פי ה' ' די כח וואס דער אייבישטער האט אריין געלייגט ווען ער האט באשאפען די וועלט.

ווען א מענטש עסט דארף ער אינזין האבן צו מקבל זיין די רוחניות'דיגע כח וואס ליגט אין דער עסן און נישט טראכטן פון די גשמיות'דיגע געשמאקייט. די **בעל שם טוב** זאגט אויך אזוי. ווען א מענטש עסט זאל ער אינזין האבן אז דער טעם און זיסקייט פונעם עסן קומט פונעם חיות און זיסקייט פונעם אייבישטער וואס געבט די עסן זיין חיות (מדרש ריב"ש ענין אכילה).

דעם יסוד גייט אבער טיפער ווי נאר עסן. יעדער זאך אין דער וועלט איז געמאכט פאר א העכערע תכלית. יעדער גשמיות'דיגע זאך האט אין זיך א ניצוץ פון קדושה וואס געבט עס חיות. ווען א מענטש נוצט דעם זאך פאר עבודת השם ברעגט ער ארויס די קדושה אין די זאך און ברענגט עס צום ציל און געבט עס א תיקון. ווען א מענטש לעבט אויף דעם מדריגה לעבט ער א רוחניות'דיגע לעבן אין דעם גשמיות'דיגע וועלט.

דאס איז וואס דער מן לערנט אונז אויס. איין מאל אין היסטאריה האט דער אייבישטער אנטפלעקט וואס ליגט באמת אונטער עסן. עסן איז נישט מער ווי דער אייבישטער'ס כח און חיות באהאלטען אין א צודעק פון גשמיות. א מענטש'ס עבודה איז נישט צו ווערן פארנארט פון דעם נאר צו פארשטיין אז באמת אלץ איז נאר מוצא פי ה'.